# דעם רבינ'ס ליכט




**אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין**
**וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן** (שיהר"ן ר"ט)

קרח (שלח בחו"ל)
תשפ"ב
גליון 98

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ אִיד, אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן, עֶר הָאט גֶעקֶענְט זֵייעֶר אַסַאךְ לֶערְנֶען, סַיי תּוֹרָה שֶׁבַּנִגְלֶה אוּן סַיי תּוֹרָה שֶׁבְּנִסְתָּר, דֶערְצוּ אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל יַחְסָן - אַ שֵׁיינֶע יִחוּס הָאט עֶר גֶעהַאט, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז עֶר גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶעוָוארְן מִיט רַייכְקַייט, אַ גֶעוַואלְדִיגֶער עוֹשֶׁר אִיז עֶר גֶעוֶוען, עֶר הָאט פַארְמָאגְט גָאלְד אוּן זִילְבֶּער אוּן נָאךְ רִיזִיגֶע פַארְמֶעגְנְס, עֶס הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעפֶעלְט.

אִין אֵיין גְרִינֶעם טָאג, אִיז דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה מִיט זַייעֶרֶע פַארְמֶעגְנְס פַארְשְׁוואוּנְדְן אוּן אוֹיסְגֶעמֶעקְט גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן. אִיךְ גְלֵייבּ אַז אַלֶע קִינְדֶער כַאפְּן גְלַייךְ פוּן וֶועמֶען מִיר רֶעדְן, פוּן קֹרַח אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע פַּרְשָׁה. חֲזַ"ל זֶענֶען מְגַלֶה אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי נוֹשְׂאֵי הָאָרוֹן. ווִי בַּאוואוּסְט אִיז שֵׁבֶט לֵוִי גֶעוֶוען דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעטְרָאגְן דִי מִשְׁכָּן מִיט אַלֶע כֵּלִים, דִי קְרָסִים, דִי קְרָשִׁים אוּן אֲדָנִים, שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן אַ חֵלֶק גֶעטְרָאגְן דִי כֵּלִים, דִי מְנוֹרָה, מִזְבְּחוֹת.

קֹרַח אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי וָואס הָאבְּן גֶעטְרָאגְן דֶעם אָרוֹן! וָואס דָארְט אִיז גֶעלֶעגְן דִי צְוֵויי לוּחוֹת, פוּן דִי הֵיילִיגְסְטֶע וָואס כְּלַל יִשְׂרָאֵל פַארְמָאגְט.

אַ יִחוּס הָאט עֶר גֶעהַאט זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע. אַן אֵיינִיקְל פוּן לֵוִי, דֶער קָרוֹב פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן דֶערְצוּ אַזַא עוֹשֶׁר, וָואס חֲזַ"ל זָאגְן אַז דְרַיי הוּנְדֶערְט פְּרֵדוֹת - שְׁטַארְקֶע פֶערְד, הָאבְּן גֶעדַארְפְט טְרָאגְן דִי שְׁלִיסְלֶען פוּן זַיינֶע אוֹצְרוֹת!!

וָואס אִיז גֶעשֶׁען פְּלוּצְלִינְג אַזַא מַעֲשֶׂה, אַז עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית מִיטְן גַאנְצְן פַארְמֶעגְן?! לְאָמִיר זֶען וָואס רַשִׁ"י זָאגְט: "עֶר הָאט מְקַנֵּא גֶעוֶוען", עֶר הָאט גֶעהַאט קִנְאָה אִין זַיין קָרוֹב אֶלְצָפָן וָואס אִיז גֶעוָוארְן נָשִׂיא אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר נֶעבֶּעךְ אַלֶעס פַארְלוֹירְן.

חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן אוּנְז (סַנְהֶדְרִין ק"ו.) אַז דֶער גָּמָל הָאט נִישְׁט קֵיין הֶערְנֶער, אַ זַאךְ וָואס אַלֶע חַיּוֹת אוּן בְּהֵמוֹת הָאבְּן יָא. דָאס אִיז גֶעשֶׁען נָאכְדֶעם וֶוען אַלֶע חַיּוֹת זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אִיז דֶער קֶעמְל גֶעקוּמֶען צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אוּן גֶע'טַעֲנָה'ט: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין הֶערְנֶער! אַלֶע חַיּוֹת הָאבְּן, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ!". הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעזָאגְט "מֶען דַארְף, אִיר אָפְּשְׁנֵיידְן דִי אוֹיעֶרְן אוֹיךְ!", אַזוֹי אִיז דֶער קֶעמְל גֶעבְּלִיבְּן אָן קֵיין הֶערְנֶער אוּן אָן קֵיין אוֹיעֶר.




דָאס זֶעלְבֶּע אִיז גֶעשֶׁען מִיט קֹרַח, עֶר ווֶעלְט גֶעקֶענְט זַיין אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, אַ לַמְדָן א.א.וו. אָבֶּער לֵיידֶער אִיז גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן אִים. אַלֶעס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן קִנְאָה, אַזוֹי ווִי חֲזַ"ל זָאגְן, הַקִּנְאָה, וְהַתַּאֲוָה, וְהַכָּבוֹד מוֹצִיאִין אֶת הָאָדָם מִן הָעוֹלָם.

מִיר וֶועלְן בְּרֶענְגֶען אַ שְׁטִיקְל פוּן ר' נָתָן אוֹיף דִי פַּרְשָׁה. ווִי בַּאוואוּסְט אַז דִי גַאנְצֶע עֲבוֹדָה וָואס מִיר טוּעֶן אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז אוֹיפְצוּהֵייבְּן אַלֶעס צוּם

המשך אויף זייט 11

# אַ קְלוּגֶער אִיד

דֶער מְלַמֵּד ר' מֶענְדְל פוּן לַאדִיזִין, אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אוּן אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אִין אַ מִתְנַגְדִי'שֶׁע מִשְׁפָּחָה. אַלְס מְלַמֵּד פוּן קִינְדֶער הָאט עֶר זִיךְ בַּאגֶעגְנְט מִיט ר' יִצְחָק חַזָּן פוּן בְּרֶסְלֶב אִינֶעם דֶערְפְל וואוּ ר' מֶענְדְל הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט דִי קִינְדֶערְלֶעךְ.

אַ 'גוּט זַאגֶער', אִיז עֶר גֶעוֶוען דֶער ר' יִצְחָק אַלֶעמָאל הָאט עֶר גֶעהַאט עֶפֶּעס אַ גוּט וֶוערְטְל צוּ פְרֵיילִיךְ מַאכְן זַיינֶע אַרוּמִיגֶע. יֶעצְט בַּאגֶעגְנְדִיג זִיךְ מִיט ר' מֶענְדְל, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶפֶּעס אַ דָבָר צַחוּת הָאט עֶר אִים פַארְגִינֶען אוּן גְלַייךְ דֶערוּיף צִיט ר' יִצְחָק וַוייטֶער דֶעם שְׁמוּעֶס אוּן זָאגְט צוּ ר' מֶענְדְל: "דוּ בִּיסְט קְלוּג, אָבֶּער אִין בְּרֶסְלֶב גֶעפִינְט זִיךְ אֵיינֶער וָואס אִיז מֶער קְלוּגֶער פוּן דִיר!"

"וֶוער אִיז דֶער אִיד?" פְרֶעגְט ר' מֶענְדְל מִיט ווּאוּנְדֶער.

"ר' נָתָן!" עֶנְטְפֶערְט ר' יִצְחָק חַזָּן.

עֶס אִיז גוּט אַרַיין דֶער דִבּוּר אִין ר' מֶענְדְל, עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער ר' יִצְחָק אִיז אוֹיךְ וַוייט נִישְׁט קֵיין נַאר, עֶר אִיז גַאנְץ אַ קְלוּגֶער אִיד, עֶר ווִיל זִיךְ זֵייעֶר טְרֶעפְן מִיט דֶעם ר' נָתָן, 'דֶער קְלוּגֶער אִיד'.

אִינְמִיטְן אַ זְמַן וֶוען מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג קוּמֶען אִין חֶדֶר אוּן לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶערְלֶעךְ אִיז דָאךְ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַוֶועקְצוּפָארְן קֵיין בְּרֶסְלֶב, 'לָאמִיר וַוארְטְן בִּיז פֶּסַח צַייט', טְרַאכְט צוּ זִיךְ ר' מֶענְדְל. עֶר הָאט טַאקֶע צוּגֶעוַוארְט בִּיז פֶּסַח, אַהֵיימְקוּמֶענְדִיג צוּ זַיין הֵיים אִין טוּלְטְשִׁין, הָאט עֶר גֶעפְּרַאוֶועט דֶעם יוֹם טוֹב ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, חוֹל הַמּוֹעֵד פֶּסַח הָאט עֶר בַּאגֶעגְנְט אִין גַאס אַ תַּלְמִיד פוּן ר' נָתָן אַ אִיד מִיטְן נָאמֶען ר' מֵאִיר יְהוּדָה וֶועלְכֶער הָאט אִים אוֹיךְ צוּגֶעשְׁטוּפְּט צוּ פָּארְן צוּ ר' נָתָן.

צוּזַאמֶען הָאבְּן זֵיי גֶעדִינְגֶען אַ וָואגְן אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט קֵיין בְּרֶסְלֶב עֶס אִיז נִישְׁט אַזַא וַוייטֶע וֶועג, עֶס נֶעמְט צוּ פָּארְן בְּעֶרֶךְ אַ שָׁעָה צְווֵיי מִיט אַ וָואגְן. וֶוען ר' מֶענְדְל הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט ר' נָתָן אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט זַיין הַארְץ אַז זַיין מֹחַ אִיז אִים פוּל מִיט נַארִישֶׁע חָכְמוֹת אוּן חֲקִירוֹת וָואס עֶר הָאט זִיךְ לַיידֶער אָנְגֶעלֵיינְט אִין זַיינֶע אִינְגֶע יָארְן, בֶּעפָאר עֶר הָאט זִיךְ דֶערְווִיסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז ר' נָתָן הָאט אִים גֶעלֶערְנְט אַ וֶועג אוּן אַ תְּשׁוּבָה, בִּיז ר' מֶענְדְל אִיז גֶעוָוארְן גָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

ר' נָתָן בַּ"ר לֵייבֶּעלֶע רְאוּבֵן הָאט אֵיינְמָאל בַּאגֶעגְנְט דֶעם ר' מֶענְדְל אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ בְּשַׁעתְ'ן אָנְטוּן דֶעם טַלִּית. ר' מֶענְדְל אִיז גֶעוֶוען גָאר פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעמִינְטֶערְט. פַארְצֵיילְט אִים ר' מֶענְדְל אַז יֶענֶעם טָאג וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיט ר' יִצְחָק אִיז עֶר גֶעוֶוען אַזוֹי גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ [פוּן זַיינֶע חָכְמוֹת] אַז עֶר הָאט גֶעפְּלַאנְט מֶער נִישְׁט אָנְצוּטוּן קֵיין טַלִּית אוּן תְּפִלִּין רח"ל,



די באן שינעס אין לאדיזין

אָבֶּער דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים צוּגֶעשִׁיקְט דֶעם ר' יִצְחָק וָואס הָאט אִים גֶעלָאזְט ווִיסְן וֶועגְן דֶעם 'קְלוּגֶער אִיד', הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט בַּיי זִיךְ צוּ וַוארְטְן בִּיז עֶר וֶועט זִיךְ טְרֶעפְן מִיט ר' נָתָן אוּן בְּעֵזֶר הַשֵּׁם הָאט ר' נָתָן אִים טַאקֶע אַרוֹיסְגֶעשְׁלֶעפְּט פוּן זַיינֶע פַארְפִירֶערִישְׁן אוּן אִים גֶערַאטֶעוֶועט דָאס לֶעבְּן לָנֶצַח נְצָחִים.

ווִילְט אִיר ווִיסְן וָואסְפַארַא גְרוֹיסֶע זְכִיָּה דֶער ר' מֶענְדְל הָאט צוּם סוֹף זוֹכֶה גֶעוֶוען? הֶמְשֵׁךְ אוֹיף זַייט 10



# איין מעשה'לע

דער באשעפער באווייזט וואונדער
פאר זיינע ליבע קינדער

## שְׁוואַרְצֶע צִיצִית פַּאסְן

אַזוֹי ווי דִי וָואךְ גייט פַּרְשַׁת שְׁלַח (אין חו"ל) ווייל אִיךְ דֶערְצֵיילְן גָאר אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית מַעֲשֶׂה וָואס מַיין טַאטֶע הָאט מִיר פַאַרְצֵיילְט.

מַיין טַאטֶע אִיז גֶעפָארְן קַיין אַמֶערִיקֶע, עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִינְמִיטְן נַאכְט אִין ווִילִיאַמְסְבּוּרְג. עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מִיט זִיךְ מֶער ווי צְווֵיי דְרַיי דָאלַאר, אוּן עֶטְלִיכֶע שְׁקָלִים. זַיין פְּלַאן אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר דַארְף זִיךְ טְרֶעפְן מִיט עֶטְלִיכֶע אִידְן וָואס דַארְפְן אִים גֶעבְּן גֶעלְט, וֶוען עֶר וֶועט זֵיי טְרֶעפְן וֶועט עֶר שׁוֹין הָאבְּן עֶפֶּעס טַאשְׁן גֶעלְט.

דֶעם עֶרְשְׁטְן פַארְטָאגס הָאט עֶר זִיךְ גֶעדַארְפְט טְרֶעפְן מִיט אַ אִיד אִין פְּלֶעטְבּוּשׁ (פֶערְצִיג מִינוּט וֶועג פוּן ווִילִיאַמְסְבּוּרְג) עֶר שְׁטֵייט אוֹיף פִּינְף אַזֵייגֶער, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ טֵבֵת נַאכְט גֶעפְרוֹירְן קַאלְט, וֶוען מֶען טְרֶעט נָאר מִיט אֵיין פִיס אַרוֹיס שְׁפִּירְט מֶען אַז דִי נָאז פַּאלְט אַרָאפּ פוּן קֶעלְט!



מַיין טַאטֶע כַאפְּט אַ טוֹבֵל אִין מִקְוֶה, מִיט דִי לֶעצְטֶע פַּאפִּירֶענֶע דָאלַארְן וָואס עֶר הָאט מִיט זִיךְ גֶעהַאט, עֶר קוּמְט אַרוֹיס פוּן מִקְוֶה אוּן טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, ווִיאַזוֹי גֵיי אִיךְ אָנְקוּמֶען קַיין פְּלֶעטְבּוּשׁ?' קַיין נֶפֶשׁ חַי' אִיז נִישְׁט אַרוּם אִים, עֶר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט פוּן וֶועם צוּ בָּארְגְן גֶעלְט פַאר אַ טֶעקְסִי. אָבֶּער אַזוֹי ווִי מַיין טַאטֶע אִיז אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד אוּן ווֵייסְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם פוּן דֶעם רֶבִּי'נְס בַּאווּאוּסְטֶע עֵצָה פוּן תְּפִלָּה, עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אִין אַ זַייט פוּן בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּן בֶּעט פוּן בַּאשֶׁעפֶּער עֶר זָאל אִים בַּאגְלֵיכְן זַיין וֶועג, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען קַיין נְיוּ יָארְק פַאר אַ דְּבַר מִצְוָה, "בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף, אִיךְ וויל גֵיין קַיין פְּלֶעטְבּוּשׁ, טְרֶעף מִיר אַ וֶועג".

עֶר שְׁפַּאצִירְט אַרַיין אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, דִי לֶעקְטֶערְס זֶענֶען פַארְלָאשְׁן חוּץ עֶטְלִיכֶע לֶעמְפְּלֶעךְ זֶענֶען אָנְגֶעצִינְדְן. דִי בֶּענְק זֶענֶען לֵיידִיג נָאר אִין אֵיין ווִינְקְל פוּן שׁוּל זִיצְט אַן אִינְגֶערְמַאן אִיבֶּער אַ חֻמָּשׁ, מִיר וֶועלְן אִים רוּפְן ר' יַעֲקֹב, עֶר גִיבְּט שָׁלוֹם פַאר מַיין טַאטְן, מַיין טַאטֶע עֶנְטְפֶערְט, אוּן פְרֶעגְט אִים? "דִי ווֵייסְט אֶפְשָׁר ווִיאַזוֹי אִיךְ קֶען אָנְקוּמֶען קַיין פְּלֶעטְבּוּשׁ? אִיךְ דַארְף אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם אוּן דֶעם גַאס". ר' יַעֲקֹב ווַארְט נִישְׁט קַיין מִינוּט אוּן זָאגְט: "אִיךְ פָאר אַרוֹיס פוּן דָא אִין צֶען מִינוּט אַרוּם צוּ דֶעם גַאס, אִיךְ בּוֹי דָארְטְן אַ בִּנְיָן!".

אַזוֹי שְׁנֶעל אִיז מַיין תְּפִלָּה גֶעוָוארְן אָנְגֶענוּמֶען? אַזוֹי ווִי בַּיי אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם! "מַיין קָאר דַארְף זִיךְ ווַארֶעמֶען כָאטְשׁ צֶען מִינוּט, ווייל דִי קֶעלְט אִיז אוּמְדֶערְטְרֶעגְלִיךְ, דֶער אוֹיטָא מוּז זַיין ווַארֶעם," זָאגְט ר' יַעֲקֹב: "אַזוֹי כַאפּ אִיךְ אַרַיין עֶטְלִיכֶע מִינוּט תּוֹרָה פַאר דֶער זוּן שַׁיינְט אוֹיף".

עֶנְדְלִיךְ זִיצְט מֶען אִין אוֹיטָא, מֶען מַאכְט זִיךְ בַּאקְוֶועם, אוּן מַיין טַאטֶע דֶערְצֵיילְט אִים פוּן וואוּ עֶר קוּמְט אוּן וָואסְפַארַא הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית עֶס אִיז גֶעשֶׁען אַז נִישְׁט הָאבְּנְדִיג בַּיי זִיךְ דִי פָּאר דָאלַאר צוּ נֶעמֶען אַ טֶעקְסִי הָאט עֶר דָא גֶעטְרָאפְן אַ וֶועג מַמָּשׁ בִּיז צוּם אַדְרֶעס.

המשך אויף זייט 4

ר׳ יַעֲקֹב הֶערְט אוֹיס אוּן הָאט הֲנָאָה. דֶער שְׁמוּעֶס צִיעֶט זִיךְ וֶועגְן אֱמוּנָה אוּן אַלֶע גוּטֶע נוֹשְׂאִים וָואס צְוֵויי אִידְן קֶענֶען רֶעדְן אוֹיפְן וֶועג. פַארְצֵיילְט ר׳ יַעֲקֹב אַזוֹי, אִיךְ פָאר יֶעצְט קַיין פְלֶעטְבּוּשׁ, אִיךְ בִּין דָארְט אַן אוֹיפְזֶעעֶר אוֹיף נַייעֶ בִּנְיָנִים וָואס מֶען בּוֹיעֶט, אַז דוּ ווִילְסְט קֶענְסְטוּ יֶעדְן פַארְטָאגְס זִיךְ מִיטְכַאפְּן, אִיךְ פָאר אַרוֹיס אִין דֶעם צַייט, אָבֶער לָאמִיר דִיר פַארְצֵיילְן עֶפֶּעס שְׁטוֹינֶענְד וָואס הָאט מִיט מִיר פַּאסִירְט דָארְט אִין אֵיינֶע פוּן דִי בִּנְיָנִים וָואס אִיךְ בּוֹי.



פַארְצֵיילְט ר׳ יַעֲקֹב: ״אִיךְ הָאבּ זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען אַז אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ גֵיי צוּ דֶער אַרְבֶּעט וֶועל אִיךְ אַלֶעמָאל גֵיין מִיט אַ וָואלֶענֶע טַלִית קָטָן אוֹיף מַיין הֶעמְד, טְרָאץ וָואס אִיךְ גֵיי דָארְט אָנְגֶעטוּן אוּן אִיךְ זֶע אוֹיס כִּמְעַט ווִי אַ גוֹי, וֶועגְן דִי אַרְבֶּעטְ׳ס קְלֵיידֶער וָואס עֶס פַארְלַאנְגְט זִיךְ צוּ גֵיין אוֹיף אַזַא אָרְט, אָבֶער דֶעם טַלִית קָטָן דָאס גֶעבּ אִיךְ נִישְׁט אוֹיף. מַיינֶע חֶבְרָה אַרוּם מִיר הָאבְּן פוּן וָואס צוּ שְׁפֶּעטְן, אָבֶער אִיךְ זֶע נִישְׁט פַאר ווִיכְטִיג צוּ הֶערְן וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ זָאגְן אוֹיף מִיר.

ר׳ יַעֲקֹב גִיבְּט מִיר צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז דִי בִּנְיָנִים וָואס עֶר בּוֹיט שְׁטֵייט אִין אַ גַאס וָואס אִיז גֶעמִישְׁט, עֶס וואוֹינֶען דָארְטְן אִידְן אוּן לְהַבְדִיל אוֹיךְ נִישְׁט אִידְן.

אֵיין טָאג הָאט עֶס פַּאסִירְט, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דִי הוֹיכֶע שְׁטָאקְן פוּנֶעם הַאלְבּ גֶעבּוֹיטְן בִּנְיָן אוּן, טְרַאךְ.............. אִיךְ בִּין אַרָאפְּגֶעפַאלְן עֶטְלִיכֶע!! שְׁטָאק!! בִּיז צוּ דֶער עֶרְד!!

אַ שָׁכֵן קֶעגְן אִיבֶּער קוּקְט אַרוֹיס פוּן פֶענְסְטֶער אוּן זֶעט ווִי אֵיינֶער לִיגְט אִין אַ טַייכְל בְּלוּט, אָבֶער עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ ׳סְ׳אִיז דָאךְ מִמֵילָא אַ גוֹי, זָאלְן זַיינֶע מִיטְאַרְבֶּעטֶערְס זִיךְ זָארְגְן פַאר אִים...׳ גַאנְץ שְׁנֶעל בַּאמֶערְקְט עֶר קְלָאר דִי שְׁוַוארְצֶע פַּאסְן פוּן דִי וָואלֶענֶע צִיצִית! אוֹי רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַ אִיד אִיז נֶעבֶּעך בִּיטֶער צֶעקְלַאפְּט! עֶר כַאפְּט דֶעם טֶעלֶעפָאן מִיט אֵיין אָטֶעם אוּן רוּפְט אָן ׳הַצָלָה׳ מִיט אַ בֶּהָלָה. עֶס הָאט נִישְׁט גֶענוּמֶען קַיין הַאלְבֶּע מִינוּט וֶוען עֶטְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט הָאבְּן בַּאהַאנְדְלְט ר׳ יַעֲקֹב וֶועלְכֶע אִיז לַיידֶער גֶעוֶוען צְווִישְׁן לֶעבְּן אוּן טוֹיט.

אָנְקוּמֶענְדִיג אִין שְׁפִּיטָאל אִין גָאר אַ קְרִיטִישְׁן מַצָב, הָאבְּן דִי דָאקְטוֹירִים פֶּעסְט גֶעשְׁטֶעלְט אַז וֶוען עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעוָוארְן בַּאהַאנְדְלְט אִין דִי עֶרְשְׁטֶע צְוֵויי מִינוּט נָאכְן פַאלְן וָואלְט עֶר שׁוֹין חַס וְשָׁלוֹם גֶעוֶוען בַּאדֶעקְט מִיט אַ ווַייסְן לַיילֶעךְ.

ר׳ יַעֲקֹב בְּשַׁעתְ׳ן פִירְן דֶעם אוֹיטָא קַיין פְלֶעטְבּוּשׁ נֶעמְט אַרוֹיס פוּן טַאשׁ אַ בִּילְד אוּן ווַייזְט פַאר מַיין טַאטֶע ווִיאַזוֹי יֶענֶע טֶעג אִין שְׁפִּיטָאל אִיז זַיין קָאפּ גֶעוֶוען אָנְגֶעבְּלָאזְן גְרֶעסֶער ווִי אַ גְרוֹיסֶע רוֹיטֶע מֶעלָאן.

עֶס הָאט גֶענוּמֶען פַאר ר׳ יַעֲקֹב עֶטְלִיכֶע חֳדָשִׁים בִּיז עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ גֶעקוּמֶען צוּ דִי כּוֹחוֹת אוּן דָאס אוּמְגְלוֹיבְּלִיכֶע הָאט מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס הִילְף פַּאסִירְט, אַז הַיינְט צוּטָאגְס גֵייט עֶר אוֹיף זַיינֶע אֵייגֶענֶע גֶעזוּנְטֶע פִיס אוּן פִירְט ווַייטֶער זַיין סֵדֶר הַיוֹם ווִי אַמָאל אוּן נָאךְ אַסַאךְ שֶׁענֶער, נָאכְדֶעם וָואס עֶר הָאט צוּרִיקְבַּאקוּמֶען זַיין גוּף אוּן נְשָׁמָה, אַלְס אִין זְכוּת פוּן דֶעם וָואלֶענֶעם צִיצִיתְ׳ל אוֹיפְן הֶעמְד!

**האסט א מעשה'לע?!**

**1-518-329-9149 קנעפל 5#**

**02-5-3333-72**

# דֶער מֶלֶךְ אוּן דֶער קֵייזֶער

## ~2~




וַיְהִי הַיּוֹם אוּן עֶס אִיז גִיוֶועְן אַ מֶלֶךְ. דֶער מֶלֶךְ הָאט זִיךְ גִיבּוֹיאִיט פַּאלַאצִין אוֹיף דֶעם יַם. וָוארְן דָארְט אִיז אִים גִיפֶעלְן מַחֲמַת דֶעם אַוִיר פוּן דֶעם יַם אוּן מַחְמַת דִי שִׁיפִין גֵייעֶן דָארְטִין. אוּן דִי בַּת קֵיסָר אִיז גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם יַם. אוּן אִיז גִיקוּמֶען נָאהֶנְט צוּ דֶעם פַּאלַאץ פוּן דֶעם מֶלֶךְ. דֶער מֶלֶךְ הָאט אַ בְּלִיק גִיטָאן. הָאט עֶר גִיזֶעהְן וִוי דִי שִׁיף גֵייט אָן רִידִירְשׁ אוּן עֶס אִיז דָארְט קֵיין מֶענְשְׁן נִיט דָא הָאט עֶר גִימֵיינְט עֶר אִיז זִיךְ טוֹעֶה. הָאט עֶר גִיהֵייסִין זַיינֶע מֶענְשְׁן זֵיי זָאלְן קוּקִין הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גִיזֶעהְן. אוּן זִי אִיז נָאהֶנְט גִיקוּמֶען צוּ דֶעם פַּאלַאץ. הָאט זִי זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶועְן. וָואס טוֹיג אִיר דֶער פַּאלַאץ. אוּן הָאט אָן גִיהוֹיבִּין זִיךְ אוּם צוּ קֶערִין. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִישִׁיקְט אוּן מֶהָאט זִי אוּם גִיקֶערְט קְרִיק. אוּן עֶר הָאט זִי גִיבְּרַאכְט צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אַרַיין.

אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט נִיט גִיהַאט קֵיין וַוייבּ וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ נִיט גִיקָאנְט צוּ קְלוֹיבִּין. וָוארְן דִי וָואס עֶר הָאט גִיוָואלְט הָאט אִים נִיט גִיוָואלְט אוּן אַזוֹי פַּאר קֶערְט אוֹיךְ. וִוי דִי בַּת קֵיסָר אִיז צוּ אִים גִיקוּמֶען. הָאט זִי אִים גִיזָאגְט. אַז עֶר זָאל אִיר שְׁוֶוערִין אַז עֶר זָאל זִי נִיט אָן רִירִין בִּיז עֶר וֶועט זִי נֶעמֶען כַּדִין. הָאט עֶר אִיר גִישְׁווָאוֹירְן. הָאט זִי אִים גִיזָאגְט. אַז עֶס אִיז רֶעכְט. אַז עֶר זָאל נִיט עֶפֶענֶען אִיר שִׁיף אוּן זָאל זִי נִיט אָן רִירִין. נָאר דִי שִׁיף זָאל אַזוֹי שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם יַם בִּיז אִין דֶער חַתוּנָה. כְּדֵי אַלֶע זָאלְן זֶעהְן דֶעמוּלְט וִוי פִיל סְחוֹרָה זִי הָאט גִיבְּרַאכְט. כְּדֵי מְזָאל נִיט זָאגְן. אַז עֶר הָאט גִינוּמֶען. אֵיין אִשָּׁה פוּן דֶעם מַארְק. הָאט עֶר אִיר אַזוֹי צוּ גִיזָאגְט.

אוּן דֶער מֶלֶךְ הָאט גִישְׁרִיבִּין צוּ אַלֶע מְדִינוֹת אַז זֵיי זָאלִין אַלֶע קוּמֶען אוֹיף דֶער חַתוּנָה. אוּן הָאט אוֹיס גִיבּוֹיעֶט פַּאלַאצִין פוּן אִירִיט וֶועגִין. אוּן זִי הָאט גִיהֵייסְן אַז מְזָאל אִיר בְּרֶענְגֶען עֶלֶעף פַּאנִיס. אַז זֵיי זָאלִין מִיט אִיר זַיין. הָאט דֶער מֶלֶךְ גִיהֵייסְן. הָאט מֶען אִיר גִישִׁיקְט עֶלֶעף פַּאנִיס זֵייעֶר גְרוֹיסֶע שְׂרָרוֹת טֶעכְטֶער. אוּן מִ'הָאט אוֹיס גִיבּוֹיעֶט אִיטְלִיכֶער אֵיין פַּאלַאץ אַ בַּאזוּנְדֶערִין. אוּן זִי הָאט אוֹיךְ גִיהַאט אַ בַּאזוּנְדֶערִין פַּאלַאץ. אוּן זֵיי פְלֶעגִין זִיךְ צוּ אִיר צוּם הוֹיף קוּמֶען. פְלֶעגִין זֵיי שְׁפִּילִין אוֹיף כְּלֵי שִׁיר. אוּן זֵיי

הָאבִּין זִיךְ מִיט אִיר גִישְׁפִּילְט.

אַמָאל הָאט זִי צוּ זֵיי גִיזָאגְט. זִי וִויל מִיט זֵיי גֵיין אוֹיף דֶעם יַם. זֶענֶען זֵיי מִיט אִיר גִיגַאנְגֶען הָאבִּין זֵיי זִיךְ דָארְט גִישְׁפִּילְט. הָאט זִי צוּ זֵיי גִיזָאגְט. זִי וֶועט זֵיי מְכַבֵּד זַיין מִיט גוּטִין וַויין וָואס זִי הָאט. הָאט זִי זֵיי גִיגֶעבְּן פוּן דֶעם וַויין וָואס אִיז גִיוֶוען אִין דֶער שִׁיף. זֶענֶען זֵיי שִׁיכּוֹר גִיוָוארֶען. אוּן זֶענֶען אַנִידֶער גִיפַאלִין אוּן זֶענֶען גִיבְּלִיבְּן לִיגִין. אִיז זִי גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט אוֹיף גִיבּוּנְדְן דִי שִׁיף. אוּן הָאט צוּ לָאזְט דִי לַייוּוינְטְן אוּן אִיז אַנְטְלוֹיפְן גִיוָוארִין מִיט דֶער שִׁיף. אוּן דֶער מֶלֶךְ מִיט זַיינֶע לַייט הָאבִּין אַ קוּק גִיטָאן. אוּן הָאבְּן דֶערְזֶעהְן אַז דִי שִׁיף אִיז נִיט דָא זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן גִיוָוארְן. הָאט דֶער מֶלֶךְ צוּ זֵיי גִיזָאגְט זֶעהט אַז אִיר זָאלְט אִיר פְּלוּצִים נִיט זָאגְן וָוארִין זִי וֶועט גְרוֹיס צַעַר הָאבִּין (וָוארִין דֶער מֶלֶךְ הָאט נִיט גֶעוואוּסְט אַז זִי אַלֵיין אִיז אַנְטְלוֹיפִין גִיוָוארְן עֶר הָאט גִימֵיינְט זִי אִיז אִין אִיר חֶדֶר) אוּן זִי וֶועט מֵיינֶען אַז דֶער מֶלֶךְ הָאט אֵיינֶעם אַוֶועק גִישֶׁענְקְט דִי שִׁיף. נָאר מֶען זָאל שִׁיקִין אִיר אֵיינֶע פוּן דִי פַּאנִיס מֶען זָאל אִיר זָאגְן מִיט חָכְמָה. אִיז מֶען גִיגַאנְגֶען אִין אֵיין חֵדֶר אוּן מֶען הָאט קֵיינֶעם נִיט גִיפוּנֶען. אִין אַזוֹי אִין אַנְדֶערְן חֵדֶר הָאט מֶען אוֹיךְ קֵיינֶעם נִיט גִיפוּנֶען. אוּן אַזוֹי אִין אַלֶע עֶלֶעף חֲדָרִים הָאט מֶען אוֹיךְ קֵיינֶעם נִיט גִיפוּנֶען. הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען (דֶער מֶלֶךְ מִיט זַיינֶע לַייט) אַז זֵיי זָאלִין אִיר שִׁיקִין בַּיינַאכְט אֵיין אַלְטֶע שְׁרָרְתְתִּי. אַז זִי זָאל אִיר זָאגִין. אִיז מֶען גִיקוּמֶען צוּ אִיר חֵדֶר הָאט מֶען אוֹיךְ קֵיינֶעם נִיט גִיפוּנֶען זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר דֶער שְׁרָאקִין גִיוָוארֶען.

דֶער וַוייל דִי פֶּעטְּיר פוּן דִי פַּאנִיס. הָאבְּן גִיזֶעהְן זֵיי הָאבִּין קֵיין שׁוּם בְּרִיוו נִיט פוּן זֵייעֶרֶע טֶעכְטֶער. זֵיי שִׁיקִין בְּרִיוו אוּן מֶען שְׁרַייבְּט זֵיי גָאר נִיט אָפּ. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבִּין. אוּן זֶענֶען אַלֶע גִיפָארִין צוּ זֵיי. אוּן הָאבִּין נִיט גִיפוּנֶען אֵיינֶעם פוּן זֵייעֶרֶע טֶעכְטֶער. זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר בְּרוֹגֶז גִיוָוארִין. הָאבִּין זֵיי גִיוָואלְט דֶעם מֶלֶךְ פַּאר שִׁיקִין. וָוארְן זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען דִי שָׂרֵי מְלוּכָה. נָאר זֵיי הָאבִּין זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. וָואס אִיז דֶער מֶלֶךְ שׁוּלְדִיג אַז עֶס זָאל אִים קוּמֶען פַּאר שִׁיקִין. דֶער מֶלֶךְ אִיז דָאךְ אֵיין אוֹנֶס. אִיז גִיבְּלִיבְּן מֶען זָאל אִים אָפּ זָאגִין פוּן דֶער מְלוּכָה אוּן מֶען זָאל אִים פַּאר טְרַייבְּן. הָאט מֶען אִיהם מַעֲבִיר גִיוֶוען אוּן מֶען הָאט אִים פַּאר טְרִיבְּן. אִיז עֶר זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען.

אוּן דִי בַּת קֵיסָר וָואס זִי אִיז אַנְטְלוֹיפִין גִיוָוארִין אִיז גִיגַאנְגֶען מִיט דֶער שִׁיף. דֶער נָאךְ הָאבִּין זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט דִי פַּאנִיס. אוּן הָאבִּין ווִידֶער אָן גִיהוֹיבְּן מִיט אִיר צוּ שְׁפִּילְן אַזוֹי וִוי פְרִיר, וָוארִין זֵיי הָאבְּן נִיט גִיוואוּסְט אַז דִי שִׁיף אִיז שׁוֹין אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם בָּארְטִין. נָאךְ דֶעם הָאבִּין זֵיי אִיר גִיזָאגְט לָאמִיר זִיךְ אוּם קֶערִין אַהֵיים. הָאט זִי זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. לָאמִיר נָאךְ זַאמִין דָא אַבִּיסְל. דֶער נָאךְ הָאט זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט. הָאבִּין זֵיי גִיזָאגְט לָאמִיר זִיךְ אוּם קֶערִין אַהֵיים. הָאט זִי זֵיי אוֹיס גִיזָאגְט אַז דִי שִׁיף אִיז שׁוֹין לַאנְג אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם בָּארְטִין. הָאבִּין זֵיי זִי גִפְרֶעגְט נָאךְ וָואס הָאסְטוּ דָאס גִיטָאן. הָאט זִי גִיזָאגְט זִי הָאט מוֹרָא גִיהַאט טָאמֶער וֶועט דִי שִׁיף צוּ בְּרָאכִין וֶוערִין מַחְמַת דֶעם שְׁטוּרֶעם

וִוינְט אִיבֶּער דֶעם הָאט זִי גִימוּזְט אַזוֹי טָאן זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם יַם. דִי בַּת קֵיסָר מִיט דִי עֶלֶעף פַּאנִיס. אוּן פְלֶעגִין דָארְט שְׁפִּילִין אוֹיף כְּלֵי זֶמֶר. אוּן הָאבְּן בַּאגֶעגְנְט אַ פַּאלַאץ. הָאבִּין דִי פַּאנִיס צוּ אִיר גִיזָאגְט לָאמִיר צוּ גֵיין צוּ דֶעם פַּאלַאץ הָאט זִי נִיט גִיוָואלְט. זִי הָאט גִיזָאגְט זִי הָאט דְרוֹיף אוֹיךְ חֲרָטָה. וָואס זִי אִיז צוּ יֶענֶעם פַּאלַאץ צוּ גִיגַאנְגֶען (דְהַיְינוּ פוּן דֶעם מֶלֶךְ הַנַ״ל).

דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי דֶער זֶעהְן אַזוֹי וִוי אֵיין קֶענְפִּי אוֹיף דֶעם יַם. זֶענֶען זֵיי צוּ גִיגַאנְגֶען אַהִין. אִיז דָארְט גִיוֶוען צְוֶועלֶעף גַזְלָנִים הָאבִּין דִי גַזְלָנִים גִיוָואלְט זֵיי הַארְגִינֶען. הָאט זִי גִיפְרֶעגְט. וֶוער אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער צְוִוישְׁן אַייךְ. הָאט מֶען אִיר גֶעוִויזְן. הָאט זִי צוּ אִים גִיזָאגְט. וָואס אִיז אַייעֶר טָאן הָאט עֶר אִיר גִיזָאגְט זֵיי זֶענֶען גַזְלָנִים. הָאט זִי צוּ אִים גִיזָאגְט מִיר זֶענֶען אוֹיךְ גַזְלָנִים נָאר אִיר זֶענְט גַזְלָנִים מִיט אַייעֶר גְבוּרָה אוּן מִיר זֶענֶען גַזְלָנִים מִיט חָכְמָה וָוארִין מִיר זֶענֶען גִילֶערְנְט אִין לְשׁוֹנוֹת אוּן שְׁפִּילִין אוֹיף כְּלֵי שִׁיר. בְּכֵן וָואס וֶועט אִיר גִיוִוינֶען אַז אִיר וֶועט אוּנְז הַארְגֶענֶען בֶּעסֶער נֶעמְט אוּנְז פַאר וַוייבֶּער. אוּן אִיר וֶועט הָאבְּן אַ גְרוֹיס עֲשִׁירוּת אוֹיךְ אוּן הָאט זֵיי גִיוִויזִין וָואס אִין שִׁיף אִיז גִיוֶוען (וָוארִין דִי שִׁיף אִיז דוּךְ גִיוֶוען פוּן דֶעם בֶּן הַסוֹחֵר מִיט זַייעֶר גְרוֹיס עֲשִׁירוּת) זֶענֶען דִי גַזְלָנִים מְרוּצֶה גִיוָוארִין צוּ אִירֶע רֵייד. הָאבִּין זֵיי דִי גַזְלָנִים אוֹיךְ גִיוִויזִין זֵייעֶר עֲשִׁירוּת אוּן הָאבִּין זֵיי אוֹיס גִיפִירְט אִין אַלֶע זֵייעֶרֶע עֶרְטֶער. אוּן עֶס אִיז גִיבְּלִיבְּן צְוִוישְׁן זֵיי. אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ נִיט נֶעמֶען אַלֶע מִיט אֵיין מָאל. נָאר אֵיינֶער נָאךְ דֶעם אַנְדֶערִין. אוּן אַז מֶען זָאל אוֹיס קְלוֹיבְּן אִיטְלִיכְן אֵיין פַּאנִי אַזוֹי וִוי עֶס קֶער צוּ אִים אִיטְלִיכְן נָאךְ זַיין גְרוֹיסְקֵייט נָאךְ.

נָאכְדֶעם הָאט זִי צוּ זֵיי גִיזָאגְט אַז זִי וֶועט זֵיי מְכַבֵּד זַיין מִיט זֵייעֶר גוּטִין וַויין וָואס זִי הָאט אִין דֶער שִׁיף וָואס זִי נִיצְט גָאר דֶעם וַויין נִיט. נָאר דֶער וַויין אִיז בַּיי אִיר בַּאהַאלְטִין. בִּיז גָאט וֶועט אִיר בַּאשֶׁערִין אִיר זִיווּג. הָאט זִי זֵיי גִיגֶעבְּן דֶעם וַויין אִין צְוֶועלֶעף בֶּעכֶערְס. אוּן הָאט גִיהֵייסְן. אַז אִיטְלִיכֶער זָאל טְרִינְקֶען צוּ אַלֶע צְוֶועלֶעף. הָאבְּן זֵיי גִיטְרוּנְקֶען אוּן זֶענֶען שִׁיכּוֹר גִיוָוארִין. אוּן זֶענֶען אַנִידֶער גִיפַאלִין. הָאט זִי זִיךְ אָן גִירוּפִין צוּ דִי אִיבְּרִיקֶע פַּאנִיס הַיינְט גֵייט אוּן קוֹילִיט אַטְלִיכֶע אִיר מַאן. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאבִּין זֵיי אַלֶע אוֹיס גִיקוֹילִיט. אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט גִיפוּנֶען זֵייעֶר אַ גְרוֹיס עֲשִׁירוּת וָואס עֶס גִיפִינְט זִיךְ נִיט בַּיי קֵיין שׁוּם מֶלֶךְ. הָאבִּין זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶועןְ. אַז זֵיי זָאלִין נִיט נֶעמֶען קֵיין קוּפֶּער אוּן קֵיין זִילְבֶּער נָאר גָאלְד אוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת. אוּן הָאבִּין אַרָאפּ גִיוָוארְפִין פוּן דֶער שִׁיף זַאכִין וָואס זֶענֶען נִיט אַזוֹי חָשׁוּב. אוּן הָאבִּין אָן גִילָאדִין גָאר דִי שִׁיף מִיט טַייעֶרֶע זַאכִין מִיט גָאלְד אוּן אֲבָנִים טוֹבוֹת וָואס זֵיי הָאבִּין דָארְט גִיפוּנֶען. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. זֵיי זָאלִין שׁוֹין נִיט גֵיין אָן גִיטָאן וִוי וַוייבֶּער אוּן הָאבִּין זִיךְ גִינֵייט מַאנְצְבִּילְשֶׁע קְלֵיידֶער דַייטְשׁ אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען מִיט דֶער שִׁיף.




וָואס מֵיינְסְטוּ? נָאר טַאטֶעס און מַאמֶעס טוּעֶן אוֹיף אִין זֵייעֶר לֶעבְּן? און דַארְפְן זִיךְ פְרֵייעֶן אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט קֵיין גוֹיִם, מִיט נָאךְ אַלֶע אַנְדֶערֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת?! קִינְדֶער דַארְפְן זִיךְ זִיכֶער פְרֵייעֶן אַז זֵיי הִיטְן שַׁבָּת, און גֵייעֶן מִיט פֵּאוֹת און אַ קַאפְּל און מַאכְן אַ בְּרָכָה פַארְן טְרִינְקֶען אַ גְלֶעזְל וַואסֶער, און אוֹיךְ קֶען זִיךְ אַ אִידִישֶׁער אִינְגְל פְרֵייעֶן אַז עֶר פָּאלְגְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן און עֶסְט נִישְׁט קֵיין מִילְכִיגֶע טְשָׁאקָאלַאד נָאכְן עֶסְן אַ פְלֵיישִׁיגֶע טְשָׁאלֶענְט! וַוייל יֶעדֶעס בִּיסְל פוּן אַ נְקוּדָה טוֹבָה אִיז זֵייעֶר, זֵייעֶר טַייעֶר און אִיז אַ חֵלֶק פוּן אַ גְרוֹיסֶע בִּילְד.

אַז מֶען קוּקְט אַרַיין אִין תּוֹרָה 'אֲזַמְּרָה' רֶעדְט דָאךְ דֶער רֶבִּי פוּן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, וְויאַזוֹי דִי תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן לֵיינֶען, וַוייל דָאס הֶבֶל פִּיהֶם וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר מוֹיל אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג, אִיז דָאךְ זֵייעֶר וויכְטִיג פַאר קִינְדֶער פוּן יוּנְגְוַוייז זִיךְ אוֹיסְצוּלֶערְנֶען גֵיין מִיט דִי עֵצָה פוּן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת.

וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעמַאכְט דִי מִשְׁכָּן, און יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט גֶעגֶעבְּן גֶעלְט, זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דֶער מִשְׁכָּן אִיז גֶעוֶוען צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּנֶעם טוּב פוּן אַלֶע אִידְן - וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט גֶעבְּרֶענְגְט, פוּן דֶעם אִיז גֶעוָוארְן דֶער מִשְׁכָּן, אַזוֹי אִיז גֶעוָוארְן דָארְט הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה! וַוייל בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיז אַזוֹי חָשׁוּב אַז ס'וֶוערְט אַ מִשְׁכָּן, פוּן דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת פוּן אַלֶע אִידְן צוּזַאמֶען.

עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס אַ יַלְקוּט, אַז קֹרַח אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר רַייךְ, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ פַארְמֶעגְן מִיט גֶעלְט, אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פַארְמֶעגְן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ; "פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ נֶעמֶען פוּן אַלֶע אִידְן גֶעלְט? אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן גֶעלְט! וִויפִיל דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן פַאר'ן מִשְׁכָּן, וֶועל אִיךְ דִיר גִיבְּן אַלֵיין דָאס גֶעלְט!"

זָאגְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ: "נֵיין! אִיךְ וִויל נִישְׁט! מָארְגְן וֶועסְטוּ זִיךְ מִיט מִיר צוּקְרִיגְן, וֶועסְטוּ זָאגְן ס'אִיז דַיין מִשְׁכָּן! דֶער מִשְׁכָּן דַארְף זַיין פוּן 'אַלֶע אִידְן', אַלֶע אִידְן דַארְפְן הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי מִשְׁכָּן, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט זָאגְן "ס'אִיז מַיינְס!!" [מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזֶען בְּרוּחַ קָדְשׁוֹ אַז קֹרַח וֶועט נָאךְ קְרִיגְן אוֹיף אִים].

קוּמְט אוֹיס אַז דֶער מִשְׁכָּן אִיז צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּנֶעם טוּב פוּן יֶעדְן אִיד! אַז אֵיין אִיד הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ 'הֶעקֶעלֶע', און אַ צְוֵוייטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן אַ 'צֶענְטֶער גָאלְד' - יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַ חֵלֶק דֶערִינֶען! בַּיים אֱמֶת'ן צַדִיק אִיז דָאךְ אַ נְקוּדָה טוֹבָה אַזוֹי טַייעֶר, כָאטְשׁ דֶער אִיד הָאט נָאר אַ 'נְקוּדָה טוֹבָה', עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט נָאר אַ 'הֶעקֶעלֶע', און דֶער צְוֵוייטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן אַ גַאנְצֶע כִּכַּר זָהָב! וָואס מֶען הָאט גֶעקֶענְט מַאכְן פוּן דֶעם דִי מְנוֹרָה וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ כִּכַּר זָהָב! און דֶער


המשך קומעדיגע עמוד

עֶרְשְׁטֶער אִיד הָאט נָאר גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטִיקֶעלֶע גָאלְד, הָאט עֶר אָבֶּער אַ חֵלֶק אִין דֶער מִשְׁכָּן!

דֶעם לֶעצְטְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז "רֶבִּי אַהֲרֹן, דֶער רָב" נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן, אוּן אֵיינֶער פוּן 'וִוינִיצֶע' אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוֶוען, דֶער אִיד פוּן וִוינִיצֶע אִיז גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּטֶ'ער מֶענְטְשׁ, דֶער אִיד הָאט גֶעהֵייסְן 'מֹשֶׁה'. (משה בער) הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט "אַהֲרַ'לֶע אִיז נִישְׁט דָא, אוּן מֹשֶׁה'לֶע אִיז נִישְׁט דָא"!

אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען, אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין נַפְקָא מִינָהּ, וִויבַּאלְד מֶען דַארְף הָאבְּן אַ צֵרוּף פוּן מֶענְטְשְׁן, אִיז נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער עֶר אִיז, אַ 'גְרוֹיסֶער' צוּ אַ 'קְלֵיינֶער'!!

(שיחות מרלו"י ז"ל איבערגעארבעט פארן אינגן דור).

## די צווייטע מעשה - דער מלך און דער קיסר (2)

**א. פארוואס האט דער מלך געבויט פאלאצן אויפ'ן ים?**
- ❑ ווערן די לופט פון דער ים
- ❑ ווייל די שיפן גייען דארטן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וואס האט דער מלך געזען אויפ'ן ים?**
- ❑ גרויסע כוואליעס
- ❑ אסאך שיפן וואס זענען אריבער
- ❑ א שיף אהן קיין רודערס

**ג. פארוואס האט דער מלך נישט געהאט א ווייב?**
- ❑ ווייל ווען ער האט געוואלט האט זי נישט געוואלט, און אזוי אויך פארקערט
- ❑ ווייל ער האט קיינעם נישט געוואלט
- ❑ ווייל קיינער האט אים נישט געוואלט

**ד. וואס האט אים די בת קיסר געזאגט?**
- ❑ אז ער זאל איר שווערן אז ער וועט קיינמאל נישט אנרורן די שיף
- ❑ אז ער זאל איר שווערן אז ער וועט נישט אנרורן די שיף ביז ער וועט איר נעמען כדת
- ❑ אז עס איז רעכט אז ער זאל נישט עפענען די שיף ביז די חתונה

**ה. וואספארא טעם האט זי געזאגט פארוואס ער זאל נישט עפענען די שיף?**
- ❑ כדי מ'זאל נישט זאגן אז ער האט גענומען א פרוי פון מארק
- ❑ כדי מ'זאל נישט זאגן אז ער האט גענומען א רייכע פרוי.
- ❑ כדי מ'זאל נישט זאגן אז ער האט גענומען א חשובע פרוי

**ו. וואס האט דער מלך געבויט פאר די בת קיסר?**
- ❑ פאלאצן
- ❑ גארנישט
- ❑ א גרויסע שיף

**ז. וויפיל פאנעס האט זי געהייסן ברענגען?**
- ❑ צען
- ❑ עלעף
- ❑ צוועלעף

**ח. וואס האט מען געבויט פאר די פאנעס?**
- ❑ איין פאלאץ פאר אלע צוזאמען
- ❑ א עקסטערע פאלאץ פאר יעדע איינע
- ❑ מ'האט גארנישט געבויט פאר זיי

**ט. וואס האבן די פאנעס געטון ביי די בת קיסר?**
- ❑ זיי פלעגן שפילן אויף כלי שיר
- ❑ זיי האבן זיך מיט איר געשפילט
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. וואס האט זי געטון נאכדעם וואס די פאנעס זענען געווארן שיכור?**
- ❑ זי איז צוריק צו איר פאלאץ
- ❑ זי איז איינגעשלאפן צוזאמען מיט זיי
- ❑ זי האט אויפגעבינדן די שיף און אנטלאפן מיט דער שיף

**יא. האט מען געטראפן די פאנעס אין זייערע פאלאצן?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ נאר פינעף

**יב. וואס האבן געטון די טאטעס פון די פאנעס ווען זיי האבן נישט געטראפן זייערע טעכטער?**
- ❑ זיי זענען געגאנגען זיי זוכן אויפ'ן ים
- ❑ זיי האבן פארשיקט דעם מלך
- ❑ זיי האבן אפגעזאגט דעם מלך פון די מלוכה

**יג. וויפיל גזלנים האבן די בת קיסר און די פאנעס געטראפן אויפ'ן ים?**
- ❑ צוועלעף
- ❑ צען
- ❑ עלעף

**יד. וואס האט די בת קיסר געזאגט פאר די גזלנים?**
- ❑ ענק זענען גזלנים מיט גבורה
- ❑ אונז זענען גזלנים מיט חכמה
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טו. וואס האבן זיי געטון נאכדעם וואס די גזלנים זענען געווארן שיכור און איינגעשלאפן?**
- ❑ זיי זענען אנטלאפן מיט די שיף
- ❑ זיי האבן זיי אלע אויסגעקוילעט
- ❑ זיי האבן נישט געוואוסט וואס צו טון

**טז. וועלכע בגדים האבן זיי נאכדעם אנגעטון?**
- ❑ קליידער פון צרפת
- ❑ קעניגליכע קליידער
- ❑ מאנסבילשע קליידער דייטש

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72

1-518-329-9149 646-518-1095

די מעשה איז געווען אז איין יאר נאכן רבי'נס פטירה, זענען געקומען צום קיבוץ אויף ראש השנה נישט מער פון זעכציג חסידים, און אפילו דאס קליין הייפעלע האט אויך אריינגעבלאזן א שטארקע האפענונג אין ר' נתנ'ס הארץ אז דער קיבוץ וועט שוין בלייבן לדורות [אזוי ווי עס פירט זיך ב"ה ביז היינט].

ר' נתן האט נישט גערעכנט אז עס וועלן קומען אזויפיל אידן אויף ראש השנה נאכן רבי'נס הסלתקות, נאר ערב ראש השנה האבן די תלמידים פון רבי'ן, ר' יודל, און ר' שמואל אייזיק ז"ל און נאך גרויסע תלמידים אפגעמאכט צו דאווענען אויף דעם ארט וואו דער רבי האט געדאווענט ביים לעבן דעם לעצטן ראש השנה, דאס איז געווען אזא פלאץ וואס מ'האט גערופן "האמבאר". ר' נתן האט זיך אבער גע'עקשנ'ט אז ער און ר' נפתלי האבן אליין געהערט פון רבי'ן מיט דעם לשון: "איך וויל איר זאלט זיין אויסגעמישט מיט דער וועלט!", דערפאר האט ר' נתן געהאלטן מען זאל דאווענען אין בית המדרש "שומרים לבוקר", דאס איז געווען א שול וואס א איד האט געבויט, ער האט זייער געבעטן די ברסלב'ע חסידים זאלן דארט דאווענען און די מתפללים פון יענעם שול – וועלכע האבן נישט געהאט קיין דירעקטן שייכות צו ברסלב – האבן אויך מסכים געווען צו דאווענען אינאיינעם.

[די מחלוקת וואס איז געווען בעפאר, ווען דער רבי האט נאך געלעבט, האט זיך כמעט ווי אינגאנצן אפגעשטעלט נאך וואס דער רבי איז נפטר געווארן, ביז אין יאר תקצ"ה. די שטאטישע אידן פון אומאן פלעגן לעבן דאן בשלום מיט אונזערע לייט און אפילו אריינכנעמען די ברסלב'ע חסידים אויף די סעודות ראש השנה, ער האט געהערשט א שלום].

אבער וויבאלד די אנדערע ברסלב'ע חסידים האבן יא געוואלט דאווענען אין האמבאר דארט וואו דער רבי האט געדאווענט, אבער ר' נתן האט פארשטאנען פונעם רבי'ן אז ניין, מען דארף זיך אויסמישן מיט אלע אידישע קינדער, איז ר' נתן געגאנגען ערב ראש השנה צו מנחה אינעם שומרים לבקר שול, פארשטייט זיך אז די תלמידים האבן געזען אז ר' נתן גייט אהין זענען זיי מיטגעגאנגען, און די אידן פון דער שול האבן אויפגענומען זייער שיין די ברסלב'ע חסידים.

אזוי האט זיך די זאך געצויגן צען יאר, ביז ווען דער ציבור איז זיך צוואוקסן. דער שול איז שוין געווארן צו קליין צו האלטן אזא גרויסער עולם, זענען אנשי שלומינו צוריק צום האמבאר און דארט האט מען געדאווענט א יאר צוויי, ביז דער פלאץ איז געווארן חרוב האט מען מער נישט געקענט דארט דאווענען.

ר' נתן האט געזוכט א נייעם פלאץ וואו מען קען דאווענען און אריינעמען אזא גרויסן עולם, יעדעס יאר האט מען געדינגען א פרישן ארט, ווי א יאר שפעטער איז געווארן זייער שווער צו טרעפן אזא גרויסן מקום פאר א שול, ר' נתן האט פארשטאנען אז אויב ער וועט נישט בויען א קלויז ספעציעל פאר ראש השנה, וועט דעם רבי'נס קיבוץ זיין אין א סכנה, ווייל עס קען זיך מאכן אז איין יאר וועט מען נישט קענען דינגען אן ארט וועט ח"ו בטל ווערן דער קיבוץ.

שוין אינמיטן יאר האט ר' נתן זיך גענומען צו דער גרויסן הייליגן ענין און איז ארומגעפארן אין אלע דערפער פון וואו מען פלעגט פארן קיין אומאן אויף ראש השנה און זיך געבעטן ביי אונזערע לייט זאלן ארויסהעלפן און צושטייער געבן צו בויען א בנין.

דעם ערשטן באזוך איז געווען אין לאדיזין, דארט

האט ער אויפגעלאקערט די הערצער פון אנשי שלומינו וועגן דאס חשיבות פונעם רבי'נס קיבוץ. ר' מענדל האט דאן געוואוינט אין לאדיזין, אבער דאס ארעמקייט ביי אים אין שטוב איז נישט צו באשרייבן, האט זיך אים געמאכט אז אין דעם טאג האט ער געהאט ביי זיך צוויי רובל, דאס איז געווען זיין גאנצער פארמעגן. הערנדיג די פייערדיגע ווערטער פון ר' נתן איז ער אהיימגעלאפן און געכאפט די רובל און געברענגט צו ר' נתן צו קענען דערמיט בויען דעם קלויז.

פון גרויס רחמנות אויף אים האט ר' נתן קודם נישט געוואלט נעמען דאס געלט, ר' מענדל האט זיך זייער געבעטן ביי ר' נתן: "האב רחמנות אויף מיר, איך וויל האבן די געוואלדיגע זכיה צו געבן מיין געלט פאר אזא דערהויבענע צוועק". ר' נתן האט געטראכט ביי זיך, 'מען קען טאקע נישט וויסן וואס איז א גרעסערע רחמנות' און האט יא גענומען דאס געלט. ר' נתן האט פארשטאנען פון דעם גרויסן מסירות נפש פון ר' מענדל אז דאס געלט וועט זיכער זיין א גוטער און שטארקער אנהייב צו קענען ענדיגן דעם קלויז. און דער קלויז איז טאקע געבויט געווארן פון די רצונות און טירחות פון די ארימעלייט און נישט פון די גרויסע סכומים פון די עשירים.

**דער ריינער קוואל**

המשך פון זייט 1

בַּאשֶׁעפֶער, אַלֶע גַשְׁמִיוּתְ'דִיגֶע זַאכְן מַעְלָה זַיין, דֶער גוּף פַארְלַאנְגְט עֶסְן, שְׁלָאפְן. מְ'דַארְף אָבֶער וִויסְן אִיז אִין דִי אַלֶע זַאכְן אִיז פַארְהַאן אַן עֲבוֹדָה וָואס מֶען דַארְף אַרוֹיפְבְּרֶענְגֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

וֶוען אַ אִיד מַאכְט אַ בְּרָכָה, עֶר עֶסְט מִיט דֶער אֶרֶץ, אוּן וָואס עֶר טוּט, טוּט עֶר דָאס וִוי דֶער רָצוֹן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אִיז, וֶוערְט דֶער זַאךְ דֶערְהוֹיבְּן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. פוּן 'אֶרֶץ' וֶוערְט 'שָׁמַיִם', דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֲבוֹדָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ "מִי עָלָה שָׁמַיִם וַיֵּרַד", אַלֶעס הָאט מֹשֶׁה גֶעקֶענְט מַעְלָה זַיין צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

אָבֶער קֹרַח וֶוען עֶר הָאט גֶעקְרִיגְט מִיט מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן, "וַיִּשְׁלַח מֹשֶׁה לִקְרֹא לְדָתָן וְלַאֲבִירָם בְּנֵי אֱלִיאָב וַיֹּאמְרוּ לֹא נַעֲלֶה", זָאגְט רַשִׁ"י, "זַיין מוֹיל הָאט אִים גֶעשְׁטְרוֹיכְלְט, עֶר וִויל נִישְׁט אַרוֹיפְגֵיין [לֹא נַעֲלֶה] וֶועט עֶר אַרָאפְגֵיין אִין דֶער עֶרְד!".

זָאגְט ר' נָתָן "קֹרַח מִיט זַיין גֶעמֵיינְדֶע הָאבְן נִישְׁט גֶעוָואלְט גְלֵייבְן אַז מֶען קֶען מַעְלָה זַיין זַאכְן פוּן דֶער וֶועלְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען נִישְׁט דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער פוּן אַזַא גַשְׁמִיּוּת. הָאבְן זֵיי בַּאקוּמֶען אַן עֹנֶשׁ מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, אַז זֵיי זֶענֶען אַרַיין אִין דֶער עֶרְד! זֵיי זֶענֶען אִינְגַאנְצְן אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען גֶעוָוארְן, דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ תּוֹצָאָה פוּן זֵייעֶר טַעֲנָה, אַז אִין דֶער וֶועלְט אִיז אַלֶעס פַארְגְרֶעבְּט, דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט אִין דִי אַרְצִיּוֹת, זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן צוּגֶעדֶעקְט טִיף אִין דֶער עֶרְד – אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

זֵייעֶר תִּיקוּן וֶועט זַיין דוּרְךְ שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא וָואס וֶועט זֵיי מְתַקֵּן זַיין, עֶס אִיז דָא פָּסוּק אִין שְׁמוּאֵל, ה' מֵמִית וּמְחַיֶּה מוֹרִיד שְׁאוֹל וַיָּעַל (שמואל א' ב, ו) דָאס אִיז אַ שִׁירָה וָואס חַנָּה הָאט גֶעזָאגְט וֶוען שְׁמוּאֵל אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, [וִוי בַּאוואוּסְט אִיז שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא אַן אֵיינִיקְל פוּן קֹרַח].

זָאל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז אִין דֶעם זְכוּת וָואס מִיר גְלֵייבְן אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דֶער צַדִּיק שֶׁבְּכָל דוֹר וָדוֹר, מִיר גְלֵייבְן אִין זַיין כֹּחַ, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ פָאלְגְן זַיינֶע עֵצוֹת אוּן קֶענֶען גֵיין מִדַּרְגָּה לְדַרְגָּה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט פוּן הֵיילִיגְן אֲרִיזַ"ל אַז צַדִּיק כַּתָּמָר יִפְרָח אִיז סוֹפֵי תֵּבוֹת 'קֹרַח', אַלֶע אִידְן וֶוערְן פַארְרָאכְטְן וֶוערְן אוּן בַּאקוּמֶען אַ תִּיקוּן. וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְּעַלְתּוֹ, וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין הוּנְדֶערְט טֶעג פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז שׁוֹין הֶעכְסְט צַייט מִיר אַלֶע זָאלְן בֶּעטְן תְּפִלּוֹת אוּן הִתְבּוֹדְדוּת פוּן בַּאשֶׁעפֶער זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ מַמְתִּיק זַיין דִי דִינִים אוּן דֶעם רֶבִּי'נְס צִיּוּן זָאל זִיךְ עֶפֶענֶען אוּן בְּשִׂמְחָה וּבִרְנָנָה זָאל מִיר אַלֶע קֶענֶען פָארְן, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּם תִּיקוּן הַשָּׁלֵם, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

בְּעֶזְר הַשֵּׁם

טַייעֶרְע קִינְדֶער, דִי וָואךְ שְׁמוּעֶסְן דִי טַייעֶרְע חֲבֵרִים וֶועגְן דִי הֵיילִיגֶע נוֹשֵׂא פוּן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, אֶפְשָׁר וֵוייסְטוּ מִיט וָואסְפַּארַא נְקוּדוֹת טוֹבוֹת דִי אִינְגְלֶעך פְרֵייעֶן זִיךְ??

קְלִינְג אַרַיין אִין טֶעל-לַיין אוֹיף קְנֶעפְּל 7 אוּן זָאג אַרַיין דִי נְקוּדוֹת טוֹבוֹת מִיט וָואס דוּ בִיסְט זִיךְ מְחַיֶּה, אוּן בְּעֶזְר הַשֵּׁם דִי אַנְדֶערֶע וָואךְ וֶועלְן מִיר דָאס אַרַייְנְשְׁרַייבְּן אִין דִי ! ...



צדיקל די האסט גאר אסאך נקודות טובות, מאך א קליין ישוב הדעת וועסטו עס טרעפן ??